# קול יהדות אייראפע

גליון השבוע של שלומי אמוני ישראל תושבי אייראפע
י"ל ע"י חומת יהדות אייראפע

גליון קל"ה
פרשת ויקרא
תשפ"ג לפ"ק - שנה ה'
חומת יהדות אייראפע


בעזהשי"ת

-לא יאומן כי יסופר -

## א.ג. חרד'ישע חברי הכנסת פון 'דגל התורה' פארטיי אין מלחמה צו צוברעכן די קומה הכשרה ר"ל

פאר עטליכע חדשים צוריק האט זיך די אידישע וועלט איבערגעקערט. עס איז אויפגעשטאנען אין ארץ ישראל א רשע און עוכר ישראל מיטן ציהל פורץ זיין גדרות עולם, אראפווארפן די מויערן צווישן די חרד''ישע אידן און די פרייע באפעלקערונג. און ער האט געמאכט א געזעץ צו מבטל זיין די קומה הכשרה אין ארץ ישראל. די קומה הכשרה איז אויפגעשטעלט געווארן פאר בערך צוואנציג יאר צוריק דורך אלע ערליכע קהילות אין ארץ ישראל. עס איז גאר א שטארקע מסגרת אינטער די שטרענגע אויפזיכט פון רבנים, וואס גיבט א ספעציעלע נומער פאר די כשר'ע טעלעפאנען און האט נישט קיין מעגליכקייט צו נוצן פאר אנדערע צוועקן אויסער צום רעדן. און די אידן ווייסן אז ווען די נומער רופט איז עס א ערליכע איד און מען קען אויפהייבן, אויב אבער קומט ארויף אויפן טעלעפאן א צווייטע נומער הייבט מען אפילו נישט אויף.

די גאנצע פרייע באפעלקערונג זענען אין די לעצטערע יארן איינגעשפאנט אויסצומישן די חרדי'שע אידן מיט די פרייע צו מאכן גלייך די פרומע מיט די פרייע רח"ל. איז דער רשע געקומען מיט א געזעץ אז מען זאל קענען אריבערפירן די כשר'ע נומערן צו נישט כשר'ע קאמפאניס אז מען זאל מער נישט קענען וויסן אויף א נומער צו עס איז א כשר'ע טעלעפאן צו א פרייע נומער. די גאנצע וועלט האט זיך גערודערט, אידן האבן מתפלל געווען, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז די גזירה איז געווארן אפגעשטיפט אויף שפעטער.

יעצט אבער האבן זיך די רשעים אויפגעוועקט און זיי ווילן ווייטער גוזר זיין די גזירה. עס ווערט אבער מפורסם, ווער זענען די וואס ווילן נישט די גזירה זאל בטל ווערן? די נציגים פון 'דגל התורה' פארטיי! זיי זענען די וואס האלטן צוריק אז די גזירה זאל בטל ווערן. לויט ווי עס ווערט באריכטעט זענען די חברי כנסת המינים פון דגל התורה ארויסגעקומען אין די עפענטליכקייט אן קיין שום בושה און האבן פראקלאמירט אז ווי לאנג די כשר'ע טעלעפאנען וועלן נישט ווערן געעפנט צו די פרייע גאס וועלן זיי זיך שלאגן מיט זייערע אלע כוחות אקעגן יעדע געזעצליכע זאך וואס קען ראטעווען די קומה הכשרה. תצילנה אזנים משמוע.

עס דארף ווערן ארויסגעברענגט אז די הפקר'דיגע נציגים פון דגל התורה פארטיי באגעניגן זיך נישט מיט מאכן א נייע סיסטעם פאר זייערע צוועקן וואס זאל קענען אנקומען צו די 'פרייע גאס' - ווי זיי רופן עס - נאר זיי ווילן דווקא צוברעכן די אלטע קומה הכשרה, וואס גייט שוין אן פאר כמעט צוואנציג יאר. די מויער וואס האלט אפ די פרייע גאס פון די ערליכע אידן דאס ווילן זיי חרוב מאכן און צושטערן.

אין אזא צייט ווערט נתגלה לעיני כל ווי מען קומט אלץ אן דורך התחברות לרשעים, ווי מען טוט פארקריכן פון די גראדע וועג, וואס נישט נאר מען טוט נישט אויף פון אינעווייניג נאר מען מאכט נאך ערגער. חוץ פון דעם וואס זיי טוען נישט צו מבטל זיין גזירות - ווי זיי פארופן זיך אלץ יהדות התורה והשבת - כאילו זיי זארגן זיך פאר די תורה הקדושה נאר פונקט פארקערט זיי זענען די וואס צוברעכן אידישקייט און זוכן אויסצומישן ערליכע אידן מיט פרייע נאך מער ווי אנדערע חברי הכנסת. כשהן יורדין יורדין עד לעפר ווען מען באהעפט זיך מיט רשעים ווערט מען איינס מיט זיי 'מען ווערט נאכגעשלעפט נאך זיי' און מען קען גאר ווערן נאך ערגער ווי זיי רח"ל.

דער אייבערשטער זאל העלפן שזממם לא תעלה בידם זיי זאלן נישט האבן קיין שליטה אויף די ערליכע אידן, און מען זאל קענען בלייבן אפגעשייד פון די גוי'אישע און פרייע גאס.

לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי ומלאה הארץ דעה את ה

# מספרי רבותינו

געקליבענע ענינים, סיפורים, און נאך מספרי רבותינו הק' מוסדי דור ודור נבג"מ

## מאמר מענה לשון

### בגנות לשונם הטמא

### הגה"ק רבי שאול בראך זצ"ל

אבדק"ק קאשוי בעמח"ס אבות על בנים ועוד

**וועגן די ענין וואס די ציונים לייגן אריין זייער גאנצע כח צו רעדן עברית, און צו אויפשטעלן בתי ספר פאר דעם צוועק. איינער וואס האט מורא פונעם אייבערשטן לויפט אוועק פון דעם, אזוי ווי איינער וואס אנטלויפט פון א לייב.**

ווער קען דען האלטן טייער דעם לשון קודש מער פון די וואס זענען עוסק אין די תורה וואס יעדן טאג זעהט מען גרויסע נפלאות אין אונזער הייליגע שפראך. איך האב מפרש געווען די פסוק (תהלים מ"ט) אדם ביקר ולא יבין נמשל כבהמות נדמו, מיט דעם וואס עס שטייט אין גמרא (סנהדרין דף ל"ח ע"ב) רבי יהודה האט נאכגעזאגט פון רב, אדם הראשון האט גערעדט אויף די ארמי'שע שפראך ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים קל"ט, י"ז) ולי מה יקרו רעיך זאגט רש"י ז"ל אז די תרגום פון כבוד איז יקרו קומט דאך אויס אז 'יקר' איז ארמי'ש. און נאך זאגט די גמרא (חגיגה דף ט"ז ע"א) זעקס זאכן זענען געזאגט געווארן ביי א מענטש, דריי זאכן וואס זענען זיי גלייך צו מלאכי השרת, און דריי זאכן וואס זיי זענען גלייך צו א מענטש. דריי זאכן זענען זיי גלייך צו מלאכי השרת: זיי האבן שכל, זיי גייען מיט א אויפגעשטעלטע געשטאלט, און זיי רעדן לשון קודש ווי די מלאכים. און מיט דריי זאכן זענען זיי גלייך צו א בהמה זיי עסן און טרינקען, זיי פארמערן זיך, און זיי דארפן ארויסגיין ווי א בהמה. קומט אויס אז עס איז אויפן וואג אדער צו זיין א אזויווי די מלאכים אדער ווי א בהמה, און אין די האנט פון א מענטש ליגט די בחירה.

יעצט, יעדע זאך רעכענט מען לויט רוב, דעמאלס אויב פארשטייט מען נישט צו רעדן לשון קודש איז מען גלייך מיט פיר זאכן צו א בהמה און עס ווערט בטל אין רוב דאס וואס ער איז גלייך צו א מלאך, מיט דעם קען

המשך בעמוד ב'

## מספרי רבותינו

-המשך מעמוד א'-

מען טייטשן אדם ביקר ד.מ. ווען מען רעדט אויף די ארמי'שע שפראך ולא יבין מיינט מען פארשטייט נישט לשון קודש נמשל כבהמות נדמו איז מען גלייך צו די בהמות. און אויך אין די חיבור האב איך געוויזן כמה פעמים די גרויסקייט און שיינקייט פון לשון קודש.

אבער עס זענען געקומען פריצים און איר [לשון קודש] פארשוועכט זיי האבן אראפגענידערט די שיינקייט פון איר. און די כופרים פון רוסלאנד האבן געדרוקט צענדליגע טויזענטער ספרים אויף לשון קודש אנגעפילט מיט מינות און כפירה. עס איז א גרויסע סכנה פאר א זוהן אדער טאכטער צו וויסן זייער פארדארבענע שפראך, און עס איז ממש ווי די דור הפלגה וואס אלע האבן גערעדט די זעלבע שפראך לשון קודש און מיט די שפראך האבן אלע מסכים געווען צו מאכן א מלחמה מיט כביכול, אזוי זענען זיי זייער גלגולים, זייער גאנצע טומאה פארשפרייטן זיי אויף לשון קודש. זיי זענען גלייך צו די מיסיאנערן וואס איך האב געזעהן אין ירושלים עיר הקודש ת"ו וואס פארשפרייטן שטענדיג אויף לשון קודש צו גלייבן אין די נוצרישע גלויבן.

קוק אריין די זיסע ווערטער פון די רמב"ם אין מסכת אבות פ"א מ"ז ווי ער שרייבט די זינגערס וואס זינגען אויף לשון קודש נישט שיינע זאכן, איז דאס מער פאר'מיאוס'ט ווי ווען זיי זינגען דאס אויף אנדערע שפראכן, עס איז נישט ראוי זיך צו באניצן מיט דעם נאר מיט מעלות. עס איז מער באלויבט א געזאנג אין אראביש אויב זיין ענין איז צו מעורר זיין אויף א גוטע מדה און אנווארענען פון א שלעכטע מדה (ווי איידער צו זינגען נישט איידעלע געזאנגען מיט די לשה"ק שפראך).

און די חתם סופר שרייבט און זיינע הגהות צו או"ח (ס' פ"ד מג"א סק"ב) "עס זעהט מיר אויס אז וועגן דעם האבן אונזערע עלטערן איינגעפירט זייערע קינדער נישט צו רעדן לשון קודש און איז פארגעסן געווארן פון אונז בעוונתינו הרבים, וויבאלד זיי זענען געגאנגען אין גלות קיין בבל וואס איז געווען אנגעפולט מיט עבודה זרה'ס", ביז דא זענען זיינע רייד.

אבער באמת איז דאס נישט לשון קודש בכלל, אין די מזרחי זאגט אויף דעם עדות אין די קונטרס 'הבו תמים' דארט שטייט די גאנצע פראגראם פאר אלע בתי ספר, די מעטהאדען איז עברית און נישט מער צו הייליגע כתבים און צו די אידישע געזעצן איז נישט דא אין דעם קיין זכר, און א וועג ווייזער פאר אידישקייט איז נישט דא דארט קיין זכר נישט בפה און נישט בכתב ווייל מיט זייער רעדן עברי איז נישט דא קין זכר צו עברית (ד.ה. ס'איז נישט דא אין דעם קיין זכר צו לשון הקודש), אסאך פון די לערערס וואס לערנען דארט אויס האבן קיינמאל נישט געקענט קיין לה"ק און די וואס האבן יא געקענט ווילן דאס נישט קענען, וויבאלד דאס איז אנגעבינדן אין כתבי הקודש, און ביי זיי איז כתבי הקודש חס מלהזכיר. זיי גרייטן זיך צו פארפאסן א נייע דקדוק, אז דאס זאל נישט זיין אנגעהאנגען אין כתבי הקודש, און דאס איז די געמישטע שפראך פון עברית - אשפודית, אדער עברית - מצרית. ער שרייבט דארט אז חשוב'ע מענטשן פון רוסלאנד און דייטשלאנד האבן געברענגט זייערע קינדער קיין יפו צו די גימנאזיאום, און ווען זיי האבן געזעהן אז די דת ווערט צוטראטן מיט די פיס האבן זיי גענומען זייערע קינדער און זיך צוריקגעקערט צו זייער לאנד.

און עס איז נישט קיין ספק אז נאך אפאר יאר וועט אויפשטיין א דור פון ליידיגייער און כופרים און ארץ ישראל וואס איז נישט דא זיינס גלייכן אויף די גאנצע וועלט. און די בונדיסטן זענען די גרעסטע פאטריאטן פאר די שפראך עברית און באפאלן מיט א שרעקליכע צארן אויף יעדער איינער וואס פארשטייט נישט אדער וויל נישט רעדן עברית אזיווי זיי. ביז אהער פון קונטרס הבו תמים

און עס איז גענוג מיט דעם אז אונזערע ברודער זאלן וויסן צו זיין געווארנט פון די בתי ספר פון עברית פון די ציונים אזיווי פון בתי עבודה זרה.

(אבות על בנים, הקדמה, דף כ"ג).

# גרויסע מחאות אינעם שטאט חריש אויפן רשעות פון די שטאט ראט מיטן חרוב מאכן א ביהמ"ד א מקדש מעט

פאר עטליכע יאר צוריק האט די חרדישע ישוב אינעם שטאט חריש אנגעהויבן בליען. עס איז אויפגעשטעלט געווארן א איגוד הקהילות דורכ'ן ירושלים'ער רב רבי יצחק טובי' ווייס זצוק"ל, און דאס ווערט ווייטער געפירט דורך די מנהיגי הקהילות אין ארץ ישראל. עס האט זיך ב"ה שיין אויפגעבויט און עס וואוינען שוין היינט ארום פיר הונדערט משפחות דארט. די שטאט ראט האט פיינט די חרדישע אידן בתכלית השנאה און ברעכן אויף אלע מויערן פון שבת און צניעות און מאכן שווער פאר די חרדישע אידן ווען אימער זיי קענען נאר. וויבאלד עס האט זיך אזוי שיין צעוואקסן די שטאט, און עס זענען פארהאנען געציילטע בתי מדרשים, איז פאר עטליכע חדשים צוריק אויפגעשטעלט געווארן - מיט פיל איבערגעגעבנקייט פון די איינוואוינער - א הערליכע רחבת'דיגע בית המדרש מיט'ן נאמען 'לב יוסף'. דאס טוט דינען פאר די פילע איינוואוינער אין שטאט.

די רשעות'דיגע שטאט ראט טוט אבער פיינט האבן חרדישע אידן. זיי ווילן נישט אנערקענען אז אין חריש בויעט זיך א חרדישע ישוב, און זיי זענען אנטשלאסן דאס נישט צוצילאזן און דערצו גאר שווער צו מאכן פאר די חרדישע אידן.

צום ערשט זענען זיי געקומען פארלייגן מען זאל דאווענען שבת קודש אין פרייע בתי ספר רח"ל וואס מען טאר דארט נישט דאווענען. און אינמיטן די וואך האבן זיי פארלאנגט אז מען זאל נאר דאווענען אין צוויי בתי מדרשים, וואס צוזאמען נעמט דאס אריין אפשר הונדערט מענטשן.

מאנטאג ויקהל פקודי זענען די חרדישע אידן אין שטאט אויפגעשטאנען צום שרעקליכן מצב ווען די כוחות פון די ציוני'סטישע פאליציי זענען אנגעקומען צום ניי אויפגעשטעלטן ספרד'ישן בית המדרש 'לב יוסף' צו צעווארפן און חרוב מאכן די בית המדרש. די פרייע פאליציאנטן זענען מיט שטאלץ אריין אינעם בית המקדש מעט און מיט זייערע עקלהאפטיגע הענט ארויסגעטראגן די צוויי ספרי תורה. דערביי זיך לאזנדיג פאטאגראפירן מיט א רשעות'דיגע געלעכטער רח"ל. די בילד וואס האט זיך דארט אפגעשפילט איז געווען גאר ווייטאגליך.

במשך די שוידערליכע סצענע איז פארגעקומען מחאות אויפ'ן פלאץ פון די אייוואוינער, און עס זענען איינגעזעצט געווארן עטליכע חשוב'ע אינגעלייט. ווי אויך איז שפעטער פארגעקומען משמרות מחאה אקעגן דעם ראש העריה - וואס רופט זיך רעליגיעז און גייט גאר אנגעטון מיט א קאפל אויפ'ן קאפ - וואס טוט שוין לאנג צוברעכן די חומת השבת, און די קדושה און שטאט און יעצט ליידער ציווארפן א בית המדרש אין שטאט.

דער אייבישטער האט געהייסן צו געדענקען די מעשה מיט עמלק. עמלק איז געקומען מלחמה האלטן מיט די אידישע קינדער אין מדבר, טראצדעם וואס די גאנצע וועלט האט געציטערט זיך אנצוהייבן און גיין אין מלחמה קעגן כלל ישראל. כאטש יעדער ווייסט אז זיי זענען געקומען הרג'ענען אידישע קינדער און זיי האבן אונז פיינט, דאך האט

המשך בעמוד ג'

# - להציל -

32

באריכטן און פאקטן איבער הצלת יהדות אוקריינע אויפ'ן פראנט אין

**אוקריינע | מאלדאווע | אונגארן | פולין | עסטרייך | ארץ ישראל**

שע"י וועד לקיום פליטי אוקראינע

## פרשת ויקרא

- הרב בלייך שליט"א האט גערופן די וואך אז דער מצב אין בודאפעסט זייער שווער געווארן ווען עס קומט נישט אריין געהעריג קיין פרישע געלטער און די הוצאות דרוקן זייער שטארק. ב"ה מ'האט באצאלט די דירות דעם חודש און דער עולם געפינט זיך מיט א דאך איבערן קאפ, אבער די קאך איז מורא'דיג אינטערשטעליג מ'האט נישט קיין געלט פאר די עסן וואס מ'דערליווערט אריין, דעם פארגאנגענעם שב"ק איז נישט געווען קיין פלייש פארן עולם. מ'דארף אביסל מעורר זיין דעם עולם זיך אנצושטערנגען פאר אחינו ב"י וואס האבן נישט אויף שבת צו עסן.
- נאך האט ער דערציילט אז די לעקטער אין דעם מוסד איז נישט באצאלט געווארן לעצטענס און די בעלי בתים פארפירן אז מ'דארף דריגענד באצאלן. מ'פראבירט צו איינפעדעמען נאך גרעסערע הכנסות אבער ביז צו די קרעטשמע דארף מען אויך א ישועה.
- אויך האט ער דערמאנט די הוצאות פון פסח וואס מ'דארף אהער שטעלן א גרויסען בודזשעט פאר'ן עולם, און ער זוכט הילף פון עטליכע פלעצער, עס איז זייער וויכטיג ווער עס קען נעמען חלק ארויסצוהעלפן די ריכטיגע אביונים וואס האבן נישט גארנישט.
- **פראנקפורט**, הרב האבלין שליט"א האט געשיקט די חשבונות וויפיל מ'דארף צו האבן פאר די פסח הוצאות. מ'דארף שיקן 500 פעקלעך פאר די פליטים וואס געפונען זיך דארט, וואס יעדעס פעקל האט מצות, וויין, פיש, ירקות, און נאך, וואס דאס איז חוץ פון צוגרייטן סדרים פאר 180 פליטים וואס מ'דארף דארט אלעס צו שטעלן. און אזוי אויך שיעורים פאר מענער און ווייבער, זיי צו גרייטן צו וויסן די וויכטיגע הלכות החג וואס ביי די אידן איז דאס וואס האלט זיי ביי אידישקייט. ער האט שוין פראבירט צו בעטן ביי נאך פלעצער, אבער ער האט נאך א חלק גדול וואס פעלט אים צו דעקן די גרויסע הוצאות. בעז"ה האפט מען אים ארויס צו העלפן מיט א מתנה נכבדת, אזויווי אין די פארגאנגענהייט וואס מ'האט מען אפאר מאל געשיקט פאר אים געלט פאר יו"ט מיט די הילף פון די קאסע פון כ"ק אדמו"ר מפשעווארסק שליט"א.
- **באד האמבורג**, הרב ראבינאוויטש שליט"א האט אויך געשיקט א בקשה אז ער שטעלט צו פארן עולם, מצות, פלייש, און אין די פארגאנגענעם יאר האט מען אים געשיקט דירעקט פון אנטווערפען מצות מיט געלט פאר הוצאות החג, האט ער געבעטן אז היות עס פעלט אים נאך גרויס חלק פון די מצות פארן עולם און פלייש האט ער נאך נישט צו געבן, זאל מען איהם פראבירן ארויסצוהעלפן מיט צרכי החג. בעז"ה האפט מען צו שאפן נאכאמאל פון אנטווערפען צו שיקן מצות מיט געלט פאר די אנדערע צורכי החג.
- פון **ארה"ק** האט גערופן הרב הלל כהן שליט"א , אז ער איז באשעפטיגט מיט א משפחה וואס דארפן דרינגעד א טויש זיי זאלן אריין קומען אין א נארמאלע קהלה, ווייל דארט ווי זיי זענען יעצט זענען די קינדער ממש אויף די גאס און זיי זענען אין א סכנה פון אוועק פאלן אינגאנצן. בעז"ה האט ער מסדר געווען א פלאץ פאר זיי אין בודאפעסט קודם ביז איבער יו"ט פסח, און פון דעם וועד קיום פליטי אוקריינא וועט מען בעז"ה ארויס העלפן מיט די הוצאות זיי זאלן קענען זיך מסדר זיין מיט א געהעריגע סביבה און חינוך.
- פון די שטאט **קראפיבניצקי**, אין מזרח אוקריינא איז געקומען א שטארקע בקשה ער האט דארט א ציבור פון קרוב צו 400 משפחות א חלק זענען תושבים אין שטאט און א חלק זענען פליטים וואס זענען אנטלאפן פון אנדערע געגענטער וואס זענען מער אינטער סכנה פון די מלחמה, ער טיילט אויס פיר מאל א וואך ווארימע עסן פאר ארום 40 משפחות און ער שיקט יעדן חודש פעקלעך פון רויע עסן פאר בערך 200 משפחות. אבער עס איז דא נאך אסאך משפחות וואס בעטן זיך מ'זאל זיי אויך העלפן און ער קען נישט צוליב מאנגעל אין געלט. מ'איז איבער געגאנגען מיט אים אלע פרטים און מ'האפט צו קענען נעמען א חלק צו העלפן די ארימע אידן בכלל, ובפרט היצט אין די טעג פאר פסח וואס מ'דארף זיי צו גרייטן די צורכי החג, זיי זאלן אויך קענען האבן א שמחת יו"ט.

**ומכאן הקריאה יוצאה: מיר גייען אלע זאגן "כל דכפין ייתי וייכול" און דא שטייען הונדערטער הונגעריגע משפחות וואס קוקן ארויס אויף די רחמנות פון אחינו בני ישראל, לאמיר זיי אקעגן קומען מיט א ברייטע הילף, און אין דעם זכות וועלן מיר אלע זוכה זיין צום לשנה הבאה בארעא דישראל און נאך דאס יאר זוכה זיין ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים בביאת משיח צדקינו ובבנין ביהמ"ק בב"א.**

המשך מעמוד ב'

דער אייבישטער געהייסן: זכור את אשר עשה לך עמלק, דו זאלסט געדענקען וואס עמלק האט געוואלט טון. פארוואס איז נישט גענוג דאס בלויז צו וויסן? פארוואס דארפן מיר דאס שטענדיג געדענקען? זעט מען פון דעם אז כאטש מען ווייסט אז יענער האט מיר פיינט, דאך אויב טוט מען דאס געדענקען וועט דאס העלפן אז יענער זאל נישט קענען קומען א צווייטע מאל.

די זעלבע זאך דא, ווען מען הערט די שרעקליכע רשעות, וואס די ציונים טוען אלס אפ, ווי זיי פייניגן אידישע קינדער, איז כדאי נאכאמאל צו דערמאנען אז זיי זענען רשעים און שונאי הדת! זיי האבן פיינט חרדישע אידן! אפילו ווען זיי שפילן אז נישט! און ווי מער מיר וועלן דאס געדענקען, ווי מער מיר וועלן זיך דאס איינ'חזר'ן, און ווי מער מיר וועלן דאס האלטן פאר די אויגן, וועלן מיר זיין מער דערווייטערט פון זיי ממילא וועלן זיי נישט האבן אזוי פיל שליטה שלעכטס צו טוען, ממילא וועלן ווייניגער זיין די שאדנס.

# גאר געלונגענע מעסידזש ארויסגעשטעלט געווארן דורך מערכת הפרסום שע"י מפעלינו צו די גויי הארץ אפצושלאגן וויסטע העצערישע אקטיוויטעטן פון די רעכטע עקסטרעמיסטן אינערהאלב די ציוניסטישע רעגירונג

מייסטערהאפט אהערגעשטעלט געווארן דורך הרה"ג רבי יעקב שפירא שליט"א מרבני מפעלינו

## הרה"ק הרש"ב מליובאוויטש זי"ע

## נסתלק ב' ניסן תר"פ לפ"ק

עש"ק ב' ניסן געפאלט די יארצייט פון הרה"ק הרש"ב מליובאוויטש זי"ע וואס כידוע אז רביה"ק מסאטמאר זי"ע האט איהם פארעכנט אלס איינער פון די גדולי צדיקי ומנהיגי הדור און שרייבט אויף איהם אין ספה"ק ויואל משה (סי' קי"ז) דעם טיטול הרה"ק.

אין א געלעגנהייט האט רביה"ק מסאטמאר זי"ע געזאגט אז דאס וואס ער שרייבט אין ויואל משה אין סי' קמ"ח אז רוב גדולים האט זיך מתנגד געווען צו די אגודה פון אנפאנג ביזן סוף, איז געווען די כוונה אויף די גדולי דור הקודם פון די סוג פון הגאונים הקדושים הרש"ב מליובאוויטש און מהרי"ד מבעלזא זי"ע וועלכע זענען געווען גדולי הדור מיט חכמה און תבונה. דער רבי האט צוגעלייגט אז כאטש איך קען נישט מעסטן די מדריגות היראת שמים פון די גדולים דער רש"ב מיטן מהרי"ד קעגן די מפורסמ'דיגע גדולים וואס זענען פארעכנט געווארן צווישן די שטיצער פון די אגודה, אבער די מדריגה פון זייער טיפע חכמה און ברייטע פאראשטאנד פון די גדולים קען איך יא מעסטן, און כ'קען מעיד זיין אז דער רש"ב און מהרי"ד זענען זיי איבערגעשטיגן מיט זייער קלוגשאפט און ריכטיגע הנהגהאון זיי האבן פארשטאנען ריכטיג די זאך, און מיט זייער גרויסע קלוגשאפט האבן זיי דערגרונטעוועט די טיפקייט פון יעדע זאך.

*

אין א בריוו אויף אן ענטפער צו א שאלה וואס מ'האט איהם אנגעפרעגט איבער די ציונים שרייבט דער רש"ב: איך וועל ענק ענטפערן בקיצור "אויך אויב די מענטשן וואלטן געווען גאנץ מיט השי"ת און זיין תורה, און ס'וואלט געווען א מקום צו טראכטן אז זיי גייען דערגרייכן זייער ציל, טארן מיר נישט צוהערן צו זיי צו די זאך צו מאכן אונזער גאוולה מיט אונזער אייגענע כח, מ'טאר דאך נישט דוחק זיין את הקץ, צו פאר מערן מיט תחנונים אויף דעם (הכונה באופן יותר מדאי באופן שמכריח עי' ויואל משה) און זיכער מיט גשמיות'דיגע כוחות און תחבולות, ארויסצוגיין פון גלות מיטן פויסטטאר מען נישט,און נישט מיט דעם וועט זיין אונזער גאולה ופדות נפשינו. בפרט אז דאס איז קעגן אונזער אמת'ע האפענונג, ווייל אונזער גאנצע האפענונג איז הקב"ה זאל אונז ברענגען משיח צדקינו בב"א, און ס'זאל זיין אונזער גאולה דורך הקב"ה אליינס... אין די גלות דארפן מיר נאר האפן צו זיין גאולה און ישועה פון הקב"ה אליינס נישט דורך א בשר ודם, און אונזער גאולה וועט זיין א גאנצע...

(המכתב נתפרסם בשעתו בספר אור לישרים עמ' 57 )

השי"ת זאל העלפן אז זיין גרויסע זכות זאל מגין זיין אז מיר זאלן קענען רויכטיג אויסווארטן אויף די גאולה האמיתית ובניסן נגאלו ובניסן עתידים ליגאל.


קול יהדות אייראפע

טעלעפאן ליניע

שמעו דבר ה'

בעלגיע 03-208-0194

ענגלאנד 020-7846-2395

פראנקרייך 33-975-185-163

אמעריקא 929-475-0030



פאר הערות אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות רופט אריין אינעם **"קול יהדות אייראפע טעלעפאן לייז"** און דרוקט 4 צו ווערן פארבינדן צום אפיס.

**BANK: BE37-3631-6301-7028 BIC: BBRUBEBB**

mailing address: plantin en moretuslei 23/4, 2018 antwerpen, belgium